# וויאזוי ווייס איך אויב איך זאל פארלאנגען א דעסק איבערזוכט?

- ☐ **האט איר איבערגעקוקט די ביישפילן אונטן?**
- ☐ **האט איר אדורכגערעדט אייערע פראגעס מיט אייער צייטווייליגע הילף (TA) ארבעטער?**

אויב איר ענטפערט "יא" צו ביידע די אויבערשטע פראגעס און איר האט נאכאלץ פראגעס איבער אייער דורכגאנג באצאלונג אדער צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע באצאלונג, דאן זאלט איר פארלאנגען א דעסק איבערזוכט.

## ביישפילן

### דורכגאנג באצאלונגען

**ביישפיל 1:** דזשאוי דזשאנסאן האט איין קינד אונטער 21 אויף זיין TA קעיס. דזשאוי האט א באפעל פון שטיצע באצאלבאר דורך די שטיצע זאמלונג אפטיילונג וואס פאדערט אז די עלטערן וואס דאס קינד וואוינט נישט ביי זיי (נאנ-קאסטאדיעל עלטערן) זאל צאלן א יעצטיגע שטיצע פליכט פון $250 א מאנאט. די נאנ-קאסטאדיעל עלטערן האט געצאלט די פולע $250 א מאנאט. דזשאוי'ס הויזגעזונד איז בארעכטיגט פאר א **$100 דורכגאנג** באצאלונג.

**ביישפיל 2:** די נאנ-קאסטאדיעל עלטערן פון דזשאוי דזשאנסאן'ס קינד (זע ביישפיל 1) מוטשעט זיך און צאלט נאר $75 יעצטיגע שטיצע פאר די מאנאט. וויבאלד די דורכגאנג קען נישט זיין מער ווי די מאנאטליכע יעצטיגע שטיצע זאמלונג, איז דשאווי'ס הויזגעזונד בארעכטיגט פאר א **$75 דורכגאנג** באצאלונג.

**ביישפיל 3:** די נאנ-קאסטאדיעל עלטערן פון דזשאוי דזשאנסאן'ס קינד (זע ביישפיל 1) מוטשעט זיך ווייטער און דעריבער צאלט בכלל נישט ($0) יעצטיגע שטיצע פאר די מאנאט. וויבאלד קיין יעצטיגע שטיצע איז נישט באקומען געווארן דורכאויס די מאנאט, איז דזשאוי'ס הויזגעזונד **נישט בארעכטיגט פאר א דורכגאנג** באצאלונג.

**ביישפיל 4:** קארי דעיוויס האט א TA קעיס וואס נעמט אריין צוויי קינדער אונטער די עלטער פון 21. די קינדער האבן די זעלבע נאנ-קאסטאדיעל עלטערן. קארי האט א באפעל פון שטיצע באצאלבאר דורך די שטיצע זאמלונג אפטיילונג וואס פאדערט אז די נאנ-קאסטאדיעל עלטערן זאל צאלן א יעצטיגע שטיצע פליכט פון $300 א מאנאט. די נאנ-קאסטאדיעל עלטערן האט געצאלט די פולע $300 א מאנאט. קארי'ס הויזגעזונד איז בארעכטיגט פאר א **$200 דורכגאנג** באצאלונג.

**ביישפיל 5:** מערי מארטין האט צוויי קינדער אונטער די עלטער פון 21 אויף איר TA קעיס. די קינדער האבן אנדערע נאנ-קאסטאדיעל עלטערן. עס זענען דא צוויי באפעלן פאר שטיצע באצאלבער דורך די שטיצע זאמלונג אפטיילונג און צוויי טשיילד סופארט אקאונטס. אויפ'ן אקאונט פון די ערשטע קינד, באקומט זי $100 א מאנאט. אויפ'ן אקאונט פון די צווייטע קינד, באקומט זי $25 א מאנאט. וויבאלד די דורכגאנג קען נישט זיין מער ווי די מאנאטליכע יעצטיגע שטיצע זאמלונג, איז מערי'ס הויזגעזונד בארעכטיגט פאר א **$125 דורכגאנג** באצאלונג.

**ביישפיל 6:** סאמיר סאברי האט צוויי קינדער אונטער די עלטער פון 21 אויף זיין TA קעיס. די קינדער האבן אנדערע נאנ-קאסטאדיעל עלטערן. עס זענען דא צוויי באפעלן פאר שטיצע באצאלבער דורך די שטיצע זאמלונג אפטיילונג און צוויי טשיילד סופארט אקאונטס. אויפ'ן אקאונט פון די ערשטע קינד, באקומט ער $300 א מאנאט. אויפ'ן אקאונט פון די צווייטע קינד, באקומט ער $0 א מאנאט. סאמיר'ס הויזגעזונד איז בארעכטיגט פאר א **$200 דורכגאנג** באצאלונג.

**ביישפיל 7:** דיילאן סמיטה האט א TA קעיס וואס נעמט אריין צוויי קינדער אונטער די עלטער פון 21. די קינדער האבן אנדערע נאנ-קאסטאדיעל עלטערן. עס זענען דא צוויי באפעלן פאר שטיצע באצאלבער דורך די שטיצע זאמלונג אפטיילונג און צוויי טשיילד סופארט אקאונטס. אויפ'ן אקאונט פון די ערשטע קינד, באקומט ער $150 א מאנאט. אויפ'ן אקאונט פון די צווייטע קינד, באקומט ער $100 א מאנאט. דיילאן'ס הויזגעזונד איז בארעכטיגט פאר א **$200 דורכגאנג** באצאלונג.

**ביישפיל 8:** לאורא סאטאו האט א TA קעיס וואס נעמט אריין צוויי קינדער אונטער די עלטער פון 21. די קינדער האבן אנדערע נאנ-קאסטאדיעל עלטערן. עס איז דא איין באפעל פאר שטיצע באצאלבער דורך די שטיצע זאמלונג אפטיילונג און איין טשיילד סופארט אקאונט. די נאנ-קאסטאדיעל עלטערן איז געפאדערט צו באצאלן א יעצטיגע שטיצע פליכט פון $400 א מאנאט און האט באצאלט די פולע $400 די מאנאט. לאורא'ס הויזגעזונד איז בארעכטיגט פאר א **$200 דורכגאנג** באצאלונג.

בלויז פאר רעפערענץ

**צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע באצאלונגען**

**ביישפיל 1:** דאקאטא טעילאר'ס הויזגעזונד איז מער נישט בארעכטיגט פאר TA. די סך הכל נישט צוריקגעצאלטע הילף פאר די גאנצע צייט וואס די הויזגעזונד האט באקומען TA איז $7,200. דאקאטא באקומט נאר אן איבריגע שטיצע באצאלונג אין פאל וואס מער ווי $7,200 ווערט גענומען אלס שטיצע (**אדער דורך אנדערע צוריקנעמונג מיטלען אזוויי א טייל פון א לאטערי אדער ליען רעקאווערי**). וויבאלד די סך הכל סומע פון די אויסגעטיילטע שטיצע זאמלונגען איז $7,500, איז דאקאטא'ס הויזגעזונד בארעכטיגט פאר א **$300 צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע באצאלונג.**

**ביישפיל 2:** קעי גרין'ס הויזגעזונד איז מער נישט בארעכטיגט פאר TA. די סך הכל נישט צוריקגעצאלטע הילף פאר די גאנצע צייט וואס די הויזגעזונד האט באקומען TA איז $10,200. פון די סומע, איז $9,000 **באצאלט געווארן צו קעי'ס לענדלארד** און $1,200 איז באצאלט געווארן דירעקט צו קעי'ס הויזגעזונד. די סך הכל סומע פון די אויסגעטיילטע שטיצע זאמלונגען איז $9,500. קעי'ס הויזגעזונד איז **נישט בארעכטיגט** פאר סיי וועלכע צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע באצאלונגען.

**צייטן פאר א דעסק איבערזוכט**

**ביישפיל 1:** פארקער באגארט פארלאנגט א דעסק איבערזוכט אום אקטאבער 23, 2020, וויבלאד פארקער גלייבט אז א **דורכגאנג באצאלונג געמאכט געווארן אין סעפטעמבער 2019 איז געווען צו קליין. פארקער איז בארעכטיגט** פאר א דעסק איבערזוכט וויבאלד די דאזיגע באצאלונג איז געמאכט געווארן איידער אקטאבער 23, 2020, און אום אדער נאך יאנואר 1, 2019.

**ביישפיל 2:** קאמעראן באקאל פארלאנגט א דעסק איבערזוכט אום יוני 12, 2020, וויבאלד א **דורכגאנג באצאלונג** איז נישט געמאכט געווארן פאר מאי 2020. די באצאלונג איז נאכנישט אוועילעבל אוי, קאמעראן'ס עלעקטראנישע בענעפיטס טראנספער (EBT) קארטל (אויך באקאנט אלס א קאמאנס בענעפיטס אידענטיפיקאציע קארטל). אבער, עס מוז ווערן ארויפגעלייגט אויף די EBT קארטל ביז יוני 20, 2020. דאס איז וויבאלד די דורכגאנג באצאלונגען מוז ווערן געטיילט ביז די 20'סטע קאלענדער טאג פון יעדע מאנאט. קאמעראן קען פארלאנגען א דעסק איבערזוכט אויב די דורכגאנג באצאלונג ווערט נישט ארויפגעלייגט אויף די EBT קארטל ביז יוני 21, אבער קאמעראן וועט ווארשיינליך באקומען א שנעלערע ענטפער אויב ער פארבינדט זיך מיט די TA ארבעטער.

**ביישפיל 3:** לאוגאן לי פארלאנגט א דעסק איבערזוכט אום דעצעמבער 27, 2020, וויבאלד לאוגאן גלויבט אז די דיסטריקט האט געהאלטן מער שטיצע ווי וואס לאוגאן האט באקומען אין TA. די לעצטע באצאלונג וואס לאוגאן האט באקומען אויף זיין טשיילד סופארט אקאונט איז געווען פעברואר 2020. לאוגאן **איז בארעכטיגט** פאר א דעסק איבערזוכט פון א **צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע באצאלונג** וויבאלד א טשיילד סופארט באצאלונג איז געמאכט געווארן איידער דעצעמבער 27, 2020, און אום אדער נאך יאנואר 1, 2019.

**ביישפיל 4:** טרעיסי טייסאן פארלאנגט א דעסק איבערזוכט אום יאנואר 31, 2020, וויבאלד טרעיסי גלויבט אז די דיסטריקט האט געהאלטן מער שטיצע ווי וואס טרעיסי האט באקומען אין TA. די לעצטע באצאלונג וואס טרעיסי האט באקומען אויף איר טשיילד סופארט אקאונט איז געווען אין אקטאבער 2018. טרעיסי **איז נישט בארעכטיגט** פאר א דעסק איבערזוכט פון א **צאמגערעכנטע איבריגע שטיצע באצאלונג** וויבאלד א טשיילד סופארט באצאלונג איז נישט געמאכט געווארן אום אדער נאך יאנואר 1, 2019, און איידער יאנואר 31, 2020.